**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/3/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט נייע 'אפיס פון שפראך צוטריטליכקייט' אויף אויפצוזען די געזעצליך פארברייטערטע גאנץ-סטעיט'יגע שפראך צוטריט פאָליסי**

***לאנד-וועגווייזיגע פאָליסי בויט אויף און פארבעסערט שפראך צוטריט סערוויסעס פאר ניו יארקער מיט באגרעניצטע ענגליש באהאוונטקייט***

***פארלאנגט פון סטעיט אגענטורן איבערצוזעצן נייטיגע דאקומענטן אויף די 12 מערסט-גערעדטע נישט-ענגלישע שפראכן אין דעם סטעיט***

***גיבט בייגזאמקייט פאר אגענטורן צוצולייגן נאך שפראכן לויט ראיאנישע שפראך געברויכן און אנדערע פאקטארן***

***נייע אפיס וועט אויפזען דער פאָליסי און געבן אנווייזונגען און שטיצע פאר אלע סטעיט אגענטורן***

***סטעיט אגענטור שפראך צוגענגליכקייט פלענער זענען צו באקומען [דא]()***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן דאס אוועקשטעלן דעם 'אפיס פון שפראך צוטריטליכקייט' אויפצוזען און צו געבן הדרכה אויף דער פארברייטערטער גאנץ-סטעיט'יגע שפראך צוטריטליכקייט פאָליסי, וואס איז איינגעשטעלט געווארן אין געזעץ אלס טייל פונעם פינאנץ-יאר 2023 דורכגעפירטן בודזשעט. דאס מאכט שטערקער ניו יארק סטעיט'ס פלאץ אלס נאציאנאלע פירער אין שפראך צוטריטליכקייט און ערפילט א פארשפרעכונג געמאכט אין גאווערנער האוקול'ס 2022 סטעיט אָוו דע סטעיט אגענדע. דאס איינשטעלן אין געזעץ דעם לאנד'ס וועגווייזיגער גאנץ-סטעיט'יגער שפראך צוטריטליכקייט פאָליסי און דאס גרונדן דעם 'אפיס פון שפראך צוטריטליכקייט' זענען קריטישע שריטן וואס בויען אויף און פארבעסערן צוטריט צו סטעיט סערוויסעס פאר ניו יארקער מיט באגרעניצטע ענגליש באהאוונטקייט, פילע פון וועלכע זענען אימיגראנטן.

"די 'סטעטשו אוו ליבערטי' אין אונזער הארבאר דערציילט פאר דער וועלט אז ניו יארק נעמט אויף יעדן איינעם אן אויסנאם," **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** "היינט מאכן מיר גרינגער פאר אלע ניו יארקער צו געניסן פון יעדן סערוויס און הילפס-מיטל וואס אונזער סטעיט האט אנצובאטן דורך אראפרייסן שפראך מניעות. דורך שטיצן אימיגראנטן און אנדערע וועלכע זוכן זיך צו בויען בעסערע לעבנס פאר זיך און זייערע פאמיליעס, מאכן מיר איין זאך קלאר: אונזער סטעיט נעמט אייך אויף גערן און פריידט זיך איבער אייך."

דער נייער שפראך צוטריטליכקייט געזעץ פארברייטערט ניו יארק'ס גאנץ-סטעיטיגע שפראך צוטריטליכקייט פאָליסי דורך פארלאנגען פון אלע עקזעקיוטיוו סטעיט אגענטורן וועלכע שטעלן צו דירעקטע סערוויסעס אדער בענעפיטן צוצושטעלן איבערזעצונג סערוויסעס אין סיי וועלכע שפראך. אין

צוגאב, מוזן אנוועגדליכע אגענטורן איבערזעצן נייטיגע אגענטור דאקומענטן אויף די 12 העכסטע מערסט-גערעדטע נישט-ענגלישע שפראכן לויט דאטא געדרוקט דורך דער צענזוס ביורא. די שפראכן זענען אצינד שפאניש, כינעזיש, רוסיש, אידיש, בענגאליש, קארעאניש, העישען-קרעיאל, איטאליעניש, אראביש, פויליש, פראנצויזיש און אורדו.

סטעיט אגענטורן וועלן אויך האבן די ברירה צוצושטעלן העכסט-וויכטיגע דאקומענטן איבערגעזעצט אויף ביז נאך פיר שפראכן אויסער די געפאדערטע 12, לויט פאקטארן ווי ראיאנישע שפראך צוטריטליכקייט געברויכן, די צאל לעצטנס-אנגעקומענע אימיגראנטן וועלכע האבן באגרעניצטע ענגליש-קענטעניס, מיטגעטיילטע מיינונגען פון קאמיוניטי גרופעס, און טיילן פון דער באפעלקערונג פון מענטשן מיט באגרעניצטע ענגליש באהאוונטקייט מערסט געהאלפן דורך פארשידענע אגענטורן. די צוגעקומענע שפראכן, וועלכע וועלן באשטימט ווערן דורך יעדע אגענטור אין באראטונג מיט'ן 'אפיס פון שפראך צוגענגליכקייט', וועט צושטעלן וויכטיגע בייגזאמקייט אין זיך אפרופן צו שפראך צוגענגליכקייט געברויכן לענגאויס פארשידענע אגענטורן און לענגאויס פארשידענע טיילן פונעם סטעיט.

דער סטעיט בודזשעט האט אוועקגעלייגט 2 מיליאן דאלער אין פינאנצירונג פאר'ן אוועקשטעלן דעם 'אפיס פון שפראך צוגענגליכקייט', וואס וועט אפערירן אין דעם 'אפיס פאר גענעראלע סערוויסעס' און צושטעלן קריטישע אויפזיכט און קאארדינירונג צווישן סטעיט אגענטורן אויף זיכער צו מאכן אז דער נייער שפראך צוגענגליכקייט געזעץ ווערט פאסיג און ווירקזאם איינגעפירט. דאס איז כולל געלט וואס איז צוגעשטעלט צו אנדערע סטעיט אגענטורן אויף איבערצוזעצן דאקומענטן אויף נאך שפראכן געדעקט אונטער'ן נייעם געזעץ.

**ניו יארק סטעיט 'אפיס פאר גענעראלע סערוויסעס' קאמיסיאנערין דזשענעט מוי האט געזאגט,** "OGS שטאלצירט זיך צו זיין דער היים פון ניו יארק סטעיט'ס נייע 'אפיס פון שפראך צוגענגליכקייט' און שטיצן גאווערנער האוקול'ס אנטשלאסנקייט צוצושטעלן פאר ניו יארקער מיט באגרעניצטע ענגליש קענטעניס מיט פארבעסערטע צוטריט צו רעגירונג סערוויסעס. ניו יארקער מיט באגרעניצטע ענגליש באהאוונטקייט שפילן א נייטיגע ראלע אין אונזער סטעיט'ס עקאנאמיע און זענען אינטעגראלע טיילן פון אונזערע קאמיוניטיס. עס קומט זיך זיי יושר'דיגע צוטריט צו העכסט-וויכטיגע דאקומענטן, אינפארמאציע און סערוויסעס. מיר שטאלצירן זיך צו ארבעטן מיט סטעיט אגענטורן אויף צו פארבעסערן קאסטומער סערוויס פאר קאמיוניטיס לענגאויס דעם סטעיט."

**עקזעקיוטיוו דירעקטארין פון דעם ניו יארק סטעיט 'אפיס פון שפראך צוגענגליכקייט', מארגאריטא לאריאוס, האט געזאגט,** "דורכ'ן אוועקשטעלן דעם 'אפיס פון שפראך צוגענגליכקייט' אויסצוארבעטן און איינפירן איר שפראך צוגענגליכקייט פאָליסי אצינד איינגעשטעלט אין געזעץ, טוט דער סטעיט ווידער-באשטעטיגן איר אנטשלאסנקייט צו יושר פאר יעדן ניו יארקער. דאס איז א גרייכפונקט אין אונזער רייזע צו אדרעסירן די אומגלייכקייטן פאר די מענטשן פון ניו יארק סטעיט, איבערהויפט די וואס זענען קומען צוליב שפראך מניעות. מיט'ן אוועקשטעלן דעם 'אפיס פון שפראך צוגענגליכקייט', טוען מיט פעסטשטעלן דעם יסוד אויף זיכער צו מאכן אז ניו יארקער וואס רעדן נישט, לייענען נישט אדער שרייבן נישט אזוי גוט ענגליש קענען פונדעסטוועגן באדייטנספול באקומען און געניסן פון דעם סטעיט'ס פראגראמען. עס איז מיר א כבוד צו האבן באשטימט געווארן אויף אויפצוזען די טראנספארמירנדע ארבעט און איך בין דאנקבאר צו גאווערנער האוקול און OGS קאמיסיאנערין דזשענעט מוי פאר זייער אנטשלאסנקייט נאכצוקומען די געברויכן פון אונזערע קאמיוניטיס מיט באגרעניצטע ענגליש באהאוונטקייט."

די מעלדונגען צייכענען אפ א באדייטנדע פארברייטערונג און פארבעסערונג פון ניו יארק'ס איצטיגע שפראך צוגענגליכקייט פאָליסי, וואס איז שוין אויף א ווילע אין פלאץ דורך אן עקזעקיוטיוו באפעל זינט 2011. ווען די פאָליסי איז צום ערשט איינגעפירט געווארן, זענען אגענטורן פארלאנגט געווען

איבערצוזעצן דאקומענטן אויף די זעקס מערסט-גערעדטע נישט-ענגלישע שפראכן, און אין 2021 איז דאס געהעכערט געווארן אויף 10.

אין איינשטימונג מיט דעם שפראך צוגענגליכקייט געזעץ, וועט יעדע אגענטור געדעקט דורכ׳ן נייעם געזעץ באשטימען א שפראך צוגענגליכקייט קאארדינאטאר וואס וועט ארבעטן מיט OLA זיכער צו מאכן אויספאלגונג און מעסטן דאס אויספירן. אגענטורן זענען אויך פארלאנגט ארויפצושטעלן א שפראך צוגענגליכקייט פלאן אינערהאלב 90 טעג פון ווען דער געזעץ גייט אריין אין קראפט, און דערנאך יעדע צוויי יאר דערנאך. איצטיגע אגענטור שפראך צוגענגליכקייט פלענער קען מען געפונען אויפ׳ן OLA וועבזייטל. יעדע אגענטור׳ס שפראך צוגענגליכקייט פלאן רעכנט אריין דאס פאלגענדע:

- די טיטלען פון איבערגעזעצטע דאקומענטן און די שפראכן אין וועלכע זיי זענען צו באקומען.
- אינפארמאציע איבער צוויי-שפראכיגע ארבעטער און די שפראכן וואס זיי רעדן.
- אן אינערליכע באאבאכטונג פלאן.
- א שילדערונג איבער וויאזוי די אגענטור האט בדעה צו פארעפנטליכן די אגענטור׳ס אנגעבאטענע שפראך צוגענגליכקייט הילף סערוויסעס.
- א טרענירונג פלאן פאר אגענטור ארבעטער וואס אנטהאלט יערליכע טרענירונג אויף די שפראך צוגענגליכקייט פּאָליסיס פון דער אגענטור און טרענירונג אין וויאזוי צוצושטעלן שפראך הילף סערוויסעס.
- אינפארמאציע איבער דער אגענטור׳ס פראצעס פאר באשטימען צי עס וועט פארזארגן נאך שפראכן אין איבערזעצונג אויסער די מערסט-גערעדטע 12 שפראכן געפאדערט לויט׳ן געזעץ.
- דער נאמען פון דער אגענטור׳ס שפראך צוגענגליכקייט קאארדינאטאר.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418